# די בלום – פּרחיה מלכּי ע״ה

מיט עטלעכע וואכן צוריק, איז ניפטר געוואָרן אין פאריז, פראנקרייך, מיין פרויס שוועסטער, מיין טייערע שוועגערין, פּרחיה מלכּי (מבית תּשובה). זי איז געווען אן אויסערגעוויינטלעכער מענטש – א בלום, וואס אזא איז שווער צו געפינען.

פּרחיה איז געווען א דערציערין. די לעצטע 20 יאָר, האָט זי פארבראַכט אין פאריז, און אריינגעגאסן אין די הערצער פון די דאָרטיקע יידן דעם זיסן טעם פון יידישקייט און נאַציאָנאַל-געפיל. דאָ אין ישׂראל איז זי אויך געווען א לערערקע, און די וואס האָבן זי געקענט דאָ און דאָרט, האָבן געוואוסט אַז דאָס איז געווען איר שליחות אין לעבן – העלפן די פאריזער יידן זיין בעסערע און שטאַרקערע מענטשן און יידן.

ס׳איז פאַראַן א סך וואָס צו דערציילן וועגן איר מסירת נפש צו יידישקייט, צו ארץ ישׂראל, מדינת ישׂראל, און עם-ישׂראל. זי האָט אירע טאָג-שעהן אָפּגעגעבן יידישע קינדער אין די טאָג-שולן, און אין די פרייע אָוונט שעהן געהאַלטן לעקציעס וואו נאָר מע האָט געדאַרפט. זי האָט אַפילו מדריך געווען פרויען וואָס האָבן זיך געגרייט מגייר צו זיין. איר היים איז געווען א יידישע היים, און פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט אויך אָפּגעגעבן צייט איר אייגענער משפּחה, איר טייערן מאַן חיים, מיט די טייערע קינדער מורית, עמיחי און שלומי, ווי אויך מוריתס מאַן זשאַק, מיט די קינדערלעך איתן, אוריאל, און הדר-ישׂראל (וועמענס ברית איז פאָרגעקומען א פּאָר שעה פאַר דעם ניי-געבוירענעמס באָבעס לוויה).

שטענדיק האָט מען זי געטראָפן באַזאָרגט און פאַרזאָרגט מיט אַקטיוויטעטן פאַר דעם יידישן ציבור, צי מיט לעקציעס, צי מיט איר ראַדיאָ-פּראָגראַם וואָס זי האָט א צייט אַדורכגעפירט. דאָס מערסטע, האָט זי געטאָן אַלס וואָלונטער – אַנדערש האָט זי ניט געקענט. דאָס איז געווען איר טבע. פּונקט ווי א בלום, וואָס שטרענגט זיך גאָר ניט צו זיין שיין. וואָס שטרענגט זיך ניט אָן צו פאַרשפּרייטן שיינע ריחות, אָדער שאַפן בלומען-זאַפט פאַר די בינען צו שעפּן פאַר זייער האָניק – דאָס איז אַלץ געווען ביי איר דער נאַטירלעכער גאַנג פון לעבן.

כאָטש איר פּטירה איז געווען אין א פאריזער שפּיטאָל, איז איר געבונדנקייט צום יידישן לאַנד געווען צו שטאַרק זי זאָל דאָרט פאַרבלייבן. דינסטיק דעם ערשטן מערץ, האָט מען איר געבראַכט צו קבורה אין נתניה.

יענעם פרייטיק ביינאַכט – בעת די שבעה-טעג, – נאָכן קידוש, און נאָכן עסן, האָב איך זיך געגרייט אויף א לעקציע וואָס איך האָב געזאָלט האַלטן די קומענדיקע וואָך, מאָנטיק אָוונט אין חדרה. די לעקציע איז שוין געווען גרייט – איך אַרבעט ניט שבת, און כ׳האָב נאָר באַדאַרפט עס איבערקוקן, אויסלייענען די טעקסטן און איבערחזרן די געזונגענע לידער.

כ׳האָב זיך בכלל געהאַט געראַנגלט מיט דער דעה, צי זאָל איך זיך אָפּזאָגן פון האַלטן מיין לעקציע, צי ניט. צי די טעמע האָט בכלל געפּאַסט פאַר דער איצטיקער, טרויעריקער, ביי אונדז אין דער משפּחה, מצב. די חברים אין חדרה האָבן ביי מיר געהאַט געבעטן, לכבוד דעם טאָג פון די פרויען, האַלטן א לעקציע וועגן ליבע אין יידישן ליד. יענעם פרייטיק אָוונט, האָב איך איינגעזען, אַז איך האָב טאַקע גוט געטאָן וואָס איך האָב קיינעם ניט אויסגעזאָגט אין חדרה, און ניט אָפּגעלייגט. איבערלייענענדיק מיין אַריינפיר מיט דעם דערעפענונגס ליד, האָב איך איינגעזען, אַז אַזוי איז טאַקע באַשערט געווען, אַז אייגנטלעך, אין מיין האַרץ, קען איך ווידמען די לעקציע פּרחיהן, ע״ה.

מיין טעמע ״ליבע אין יידישן ליד״ איז ניט בלויז וועגן די ראמאנטישע לידער, נאר אויך וועגן ליבע צום קינד, צו משפחה, און אויך צום פאלק. און טאקע דאס ערשטע ליד, הייסט ״נאציאנאל-געפיל״ פון יהואש (אינטערעסאנט אויך, וואס יהואש איז דער פסעוודאנים פון יהואש שלמה בלומגארטן – נאך א סימן פון אויבן, אויב איר ווילט, ווייל דער פאטער, פרחיהס, אים צו לאנגע יארן, הייסט אויך שלמה, און זי איז שטענדיק געווען די שענסטע בלום פון זיין גארטן). דאס ליד רעדט וועגן א בלום וואס לעבט דורך אלע שטורעמס און זאווערוכעס. אין לעצטן פערז גיט ער אן דעם סוד פון דער בלומס איסדויער, מוט, און קראפט:

״ די בלום הייסט ליבע צו דעם פאלק ״.

דאָס איז אייגנטלעך געווען דער סוד פון וואַנען פּרחיה האָט געשעפּט אירע אומדערמידלעכע כּוחות: ליבע צום פאָלק. און אַליין געהערנדיק צו די מזרח עדות, צו די ליביער ייִדן, האָט זי שטענדיק געמונטערט און געשטיצט מייַנע אַקטיוויטעטן פאַר ייִדיש לשון און קולטור, ווייַל זי האָט אַלעמען ליב געהאַט, ספרדים ווי אשכּנזים, און מיר קענען זיך אַלע אָפּלערנען פון איר – פּרחיה, די בלום, מלכּי, מבית תּשובה.

### כּבוד איר אָנדענק!

## <u>נאציאָנאל-געפיל – פון יהואש</u>

(מוזיק: אומבאקאנט)

איך ווייס א בלום וואס שפּראצט און בליט,
און וואקסט אן טוי און רעגן,
די דארף קיין פרישע ווינטן ניט,
קיין זון וואס שיינט אנטקעגן...

די וואקסט אין שטורעם און אין שניי,
ווען אלע בלומען שטארבן,
דער שטורעם גיט איר זאפט און קראפט,
גערוך און זיסע פארבן...

און ווען עס האגלט, דונערט, בליצט,
און שטארקעביימער פאלן,
דאן הייבט זי ערשט צו לעבן אן,
דאן הייבט זי אן צו שטראלן...

די בלום הייסט ליבע צו דעם פאלק,
זי שפּראצט ארויס אין שטורעם,
זי ציט חיונה פונעם שמארץ
און נערט זיך פון יסורים....